דַּע שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשֶׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה

בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

פרשת מקץ

כה

וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזְיָת אֵישׁ

א הערליכע לייכטע פירוש
אויפ'ן היילינגן זהר
מיט די הקדמות פונעם היילינגן רבי'ן
**געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א**

# ♦ הַקְדָמָה ♦

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

ווִיבַּאלד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְּנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן

מִיר גֶעעֶפֶנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אויךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ש דִי נָאמֶען פון מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִיש צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צו לֶערְנֶען מִיט אִים פון אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צו זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִירוֹן מִיט אִים, און בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צו דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אויךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ש מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פון מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

• • •

# א תְּפִילָה
## פַאר׳ן לֶערְנֶען זוהר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר:

פָּרָשַׁת מִקֵּץ, דַּף ע"ר עָמוּד ב.

**רַבִּי אַבָּא פָּתַח וְאָמַר,** (מִשְׁלֵי כ, ה) **מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְּלֵב אִישׁ וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה, מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְּלֵב אִישׁ, דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, בְּגִין דְּאִיהוּ עָבִיד עֵצוֹת, דְּאַיְיתֵי טַעֲמִין לְגַלְגְּלָא גִּלְגּוּלִין עַל עָלְמָא עַל יְדָא דְּיוֹסֵף, לְקַיְּימָא הַהִיא גְּזֵרָה דְּגָזַר כַּפְנָא עַל אַרְעָא** (נ"א עָלְמָא)**, וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה, דָּא יוֹסֵף דְּגַלֵּי אִינּוּן עֲמִיקִין דְּגָזַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל עָלְמָא.**

חָזִית אִישׁ

**רַבִּי אַבָּא פָּתַח וְאָמַר** רַבִּי אַבָּא הָאט גֶעעֶפְנְט און גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלֶץ אִין זוהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', ווייל די הייליגֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט די סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפֶנְט די הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף די וֶועלְט, **עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק,** (מִשְׁלֵי כ, ה) **: 'מַיִם עֲמוּקִים' אַזוֹי וִוי טִיפֶע וַואסֶער, אַזוֹי אִיז - 'עֵצָה בְּלֵב אִישׁ'** די עֵצָה בַּאהַאלְטְן אִין די הַארְץ פוּנֶעם קְלוּגְן מֶענְטְשׁ, **'וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה'** און אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ שֶׁעפְּט עֶס אַרוֹיס, אַזוֹי אוֹיךְ אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט פוּן דֶעם קְלוּגְן מֶענְטְשׁ; טַייטְשְׁט דֶער זוהַר **'מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְּלֵב אִישׁ' דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט די וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, עֶס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ בַּאהַאלְטְן **'מַיִם עֲמוּקִים'** טִיפֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, **בְּגִין דְּאִיהוּ עָבִיד עֵצוֹת** וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, **דְּאַיְיתֵי טַעֲמִין** אַז זַאכְן זָאלְן פַּאסִירְן, **לְגַלְגְּלָא גִּלְגּוּלִין עַל עָלְמָא** עֶר דְרֵייט אַרוּם די גַאנְצֶע וֶועלְט; **עַל יְדָא דְּיוֹסֵף** אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק, **לְקַיְּימָא הַהוּא גְּזֵרָה** צוּ קֶענֶען מַאכְן די גְזֵירָה, **דְּגָזַר כַּפְנָא עַל אַרְעָא** עֶס זָאל קוּמֶען אַ הוּנְגֶער אוֹיף די וֶועלְט; **'וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה' דָּא יוֹסֵף** דָאס אִיז יוֹסֵף הַצַּדִּיק, **דְּגַלֵּי אִינּוּן עֲמִיקִין** וָואס הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט די עֵצוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דְּגָזַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל עָלְמָא** אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אוֹיף די וֶועלְט כְּדֵי עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען די גַאנְצֶע טוֹבָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען זֶעט די וֶועג וִוי אַזוֹי די צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף זַאכְן, אַנְדֶערְשׁ וִוי סְתָם מֶענְטְשְׁן; די צַדִּיקִים זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, און וֶוען זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס פַּאסִירְט אוֹיף די וֶועלְט ווייסְן זֵיי אַז דָאס אִיז נִישְׁט סְתָם אַ פַּאסִירוּנְג, נָאר דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דְרֵייט אַרוּם די וֶועלְט אַז זַאכְן זָאלְן פַּאסִירְן, אַלֶעס מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט.

**תָּא חֲזֵי, יוֹסֵף לָא דַי לֵיהּ דְּאִיהוּ לָא שַׁלִּים בִּישָׁא לַאֲחוֹי, אֶלָּא דְּעָבַד עִמְּהוֹן טִיבוּ וּקְשׁוֹט, וְכָךְ אָרְחֵיהוֹן דְּזַכָּאֵי תָּדִיר, בְּגִין דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָיֵים עֲלַיְיהוּ תָּדִיר בְּעָלְמָא דֵין וּבְעָלְמָא דְאָתֵי.**

**מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְלֶב אִישׁ, דָּא יְהוּדָה, וְהָא אוֹקְמוּהּ, בְּשַׁעְתָּא דְאִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ דְיוֹסֵף עַל עִסְקָא דְבִנְיָמִין, וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה, דָּא יוֹסֵף.**

חָזִית אִישׁ

**תָּא חֲזֵי קוּם און זֶע,** אִין זוֹהַר הָאבְּן מִיר אַלְץ דִי לָשׁוֹן תָּא חֲזֵי - קוּם און זֶע, אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין דִי גְמָרָא וָואס דֶער לָשׁוֹן אִיז תָּא שְׁמַע - קוּם און הֶער, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יוֹסֵף לָא דַי לֵיהּ דְּאִיהוּ לָא שַׁלִּים בִּישָׁא לַאֲחוֹי** יוֹסֵף הַצַּדִּיק נִישְׁט נָאר עֶר הָאט נִישְׁט צוּרִיק גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר זַיינֶע בְּרִידֶער, **אֶלָּא דְּעֲבַד עִמְּהוֹן טִיבוּ וּקְשׁוֹט** נָאר עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי גוּטְס, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אִין מִצְרַיִם. **וְכָךְ אָרְחֵיהוֹן דְּזַכָּאֵי תָּדִיר** און דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי צַדִּיקִים, זֵיי טוּעֶן שְׁטֶענְדִיג גוּטְס מִיט יֶעדְן, און אוֹיךְ מִיט דִי וָואס טוּעֶן פַאר זֵיי שְׁלֶעכְטְס, **בְּגִין דָּא** וֶועגְן דֶעם, **קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָיֵים עֲלַיְיהוּ תָּדִיר** הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף זֵיי שְׁטֶענְדִיג רַחְמָנוּת, **בְּעַלְמָא דֵין** סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט **וּבְעַלְמָא דְאָתֵי** און סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

נָאךְ אַ פְּשַׁט אִין וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק '**מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְלֶב אִישׁ' דָּא יְהוּדָה** דָאס מֵיינְט מֶען יְהוּדָה, **וְהָא אוֹקְמוּהָ** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ'ענֶען דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צג, ד) אוֹיף יְהוּדָה, **בְּשַׁעְתָּא דְאִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ דְיוֹסֵף** וֶוען עֶר אִיז נָאנְט גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף **עַל עִסְקָא דְבִנְיָמִין** זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר בִּנְיָמִין און אִים צוּרִיק טְרָאגְן צוּם טַאטְן, '**וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה' דָּא יוֹסֵף** דָאס מֵיינְט מֶען יוֹסֵף וָואס הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ זַיינֶע בְּרִידֶער.

דֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נִישְׁט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר שְׁלֶעכְטְס. רַבִּי **אַבָּא** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

**רַבִּי אַבָּא הֲוָה יָתִיב אַתַּרְעָא דְּאַבָּבָא דְלוֹד, חָמָא חַד בַּר נָשׁ דַּהֲוָה אָתֵי, וְיָתִיב בְּחַד קוּלְטָא דְּתָלָא דְאַרְעָא, וַהֲוָה לָאֵי מֵאָרְחָא וְיָתִיב וְנָאִים תַּמָּן. אַדְּהָכִי חָמֵי חַד חִוְיָא דַּהֲוָה אָתֵי לְגַבֵּיהּ, נָפַק קוּסְטְפָא דְגוּרְדְּנָא וְקָטִיל לֵיהּ לְחִוְיָא, כַּד אִתְּעַר הַהוּא בַּר נָשׁ חָמָא הַהוּא חִוְיָא לְקִבְלֵיהּ דַּהֲוָה מִית, אִזְדַּקַּף הַהוּא בַּר נָשׁ וְנָפַל הַהוּא קוּלְטָא לְעוּמְקָא דִּתְחוֹתוֹי וְאִשְׁתֵּזִיב, אֲתָא רַבִּי אַבָּא לְגַבֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ אֵימָא לִי מַאן עוֹבָדָךְ, דְּהָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִישׁ לָךְ אִלֵּין תְּרֵין נִסִּין, לָאו אִינוּן לְמַגָּנָא.**

חָזִית אִישׁ

**אַבָּא הֲוָה יָתִיב** איז געזיצן **אַתַּרְעָא דְּאַבָּבָא דְלוֹד** ביים אריינגאנג פון שטאט לוד; **חָמָא חַד בַּר נָשׁ דְּהֲוָה אָתֵי** האט ער געזען ווי איינער קומט צו גיין, **וְיָתִיב** און זעצט זיך אוועק **בְּחַד קוּלְטָא דְּתָלָא דְאַרְעָא** אויף א בערגל שטיינער, **וְהֲוָה לָאֵי מֵאָרְחָא** און יענער איז געווען אפגעמאטערט פון אזוי לאנג גיין אין וועג, **וְיָתִיב** האט ער זיך אוועק געזעצט **וְנָאִים תַּמָּן** און דארט געדרימלט. **אַדְּהָכִי חָמֵי חַד חִוְיָא** און רבי אבא האט געזען א שלאנג, **דְּהֲוָה אָתֵי לְגַבֵּי** וואס איז געקומען צו קריכן צו דעם מענטש אים צו בייסן, **נָפַק קוּסְטְפָא דְגוּרְדְּנָא** איז אראפגעפאלן א צווייג פון די בוים, **וְקָטִיל לֵיהּ לְחִוְיָא** און עס האט גע'הרג'עט די שלאנג. **כַּד אִתְּעַר הַהוּא בַּר נָשׁ** ווען דער מענטש האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאף, **חָמָא הַהוּא חִוְיָא לְקֳבְלֵיהּ** האט ער געזען דעם שלאנג, **דְּהֲוָה מִית** וואס איז שוין געווען טויט. **אִזְדַּקַּף הַהוּא בַּר נָשׁ** האט זיך דער מענטש אויפגעשטעלט צו גיין ווייטער, **וְנָפַל הַהוּא קוּלְטָא** און עס איז אראפגעפאלן די בערגל שטיינער, **לְעוּמְקָא דִּתְחוֹתוֹי** צו די טיפעניש פונעם בארג, **וְאִשְׁתֵּזִיב** און דער איד איז געראטעוועט געווארן.

**אֲתָא רַבִּי אַבָּא לְגַבֵּיהּ** איז רבי אבא געקומען צו אים, **אָמַר לֵיהּ** ער האט אים געזאגט, **אֵימָא לִי מַאן עוֹבָדָךְ** דערציילט מיר וואס זענען דיינע גוטע מעשים. **דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִישׁ לָךְ אִלֵּין תְּרֵין נִסִּין** ווייל דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר צווי ניסים, **לָאו אִינוּן לְמַגָּנָא** עס איז זיכער נישט געשען די ניסים

**אָמַר לֵיהּ הַהוּא בַּר נָשׁ כָּל יוֹמָאי לָא אַשְׁלִים לִי בַּר נָשׁ בִּישָׁא בְּעָלְמָא, דְּלָא אִתְפַּיְיסְנָא בַּהֲדֵיהּ וּמָחִילְנָא לֵיהּ, וְתוּ אִי לָא יָכִילְנָא לְאִתְפַּיְיסָא בַּהֲדֵיהּ, לָא סָלִיקְנָא לְעַרְסִי עַד דְּמָחִילְנָא לֵיהּ וּלְכָל אִינוּן דְּמְצַעֲרוּ לִי, וְלָא חַיְישָׁנָא כָּל יוֹמָא לְהַהוּא בִּישָׁא דְּאַשְׁלִים לִי, וְלָאו דַּי לִי דָא, אֶלָּא דְּמֵהַהוּא יוֹמָא וּלְהָלְאָה אִשְׁתַּדַּלְנָא לְמֶעְבַּד עִמְּהוֹן טָבָא.**

## חָזִית אִישׁ

אוּמְזִיסְט, **אָמַר לֵיהּ הַהוּא בַּר נָשׁ** הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: **כָּל יוֹמָאי לָא אַשְׁלִים לִי בַּר נָשׁ בִּישָׁא בְּעָלְמָא** אַלֶע מַיינֶע טֶעג הָאט מִיר נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, **דְּלָא אִתְפַּיְיסְנָא בַּהֲדֵיהּ** אוּן אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט פַארְגֶעבְּן, **וּמָחִילְנָא לֵיהּ** אוּן מוֹחֵל גֶעוֶוען; אִיךְ בִּין יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁטֶענְדִיג מוֹחֵל.

**וְתוּ** אוּן נָאךְ, **אִי לָא יָכִילְנָא לְאִתְפַּיְיסָא בַּהֲדֵיהּ** אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט יֶענֶעם, **לָא סָלִיקְנָא לְעַרְסִי** בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט, **עַד דְּמָחִילְנָא לֵיהּ** בִּיז אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען, **וּלְכָל אִינוּן דִּמְצַעֲרוּ לִי** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, **וְלָא חַיְישָׁנָא כָּל יוֹמָא** אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט **לְהַהוּא בִּישָׁא** פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס **דְּאַשְׁלִים לִי** וָואס יֶענֶער הָאט מִיר גֶעטוּן. **וְלָאו דַּי לִי דָא** אוּן עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען דָאס אַלֵיינְס אַז אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען, **אֶלָּא דְּמֵהַהוּא יוֹמָא וּלְהָלְאָה** נָאר פוּן יֶענֶעם טָאג אוּן וַוייטֶער, **אִשְׁתַּדַּלְנָא לְמֶעְבַּד עִמְּהוֹן טָבָא** זוּךְ אִיךְ וָואס אִיךְ קֶען יֶענֶעם גוּט מַאכְן.

אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן רל"ט, סְעִיף קָטָן ט): ׳גַּם רָאוּי לִמְחֹל לְכָל מִי שֶׁחָטָא כְּנֶגְדּוֹ וְצִעֲרוֹ, וּבִזְכוּת זֶה הָאָדָם מַאֲרִיךְ יָמִים׳ אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען מוֹחֵל זַיין פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט צַעַר, אוּן דָאס אִיז אַ זְכוּת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מְגִילָּה כח.), מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָּנֶה: ׳אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת הָאסְטוּ אֲרִיכוּת יָמִים?׳ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ׳אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵויטְן אוּן אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן מִיט אַ שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף אַ צְוֵויטְן, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן אֵיידֶער אִיךְ לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן זָאג אִיךְ ׳אִיךְ בִּין מוֹחֵל פַאר יֶעדְן וָואס הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן׳׳.

# בָּכָה רַבִּי אַבָּא וַאֲמַר, יַתִּיר עוֹבָדוֹי דְּדֵין מִיּוֹסֵף, דְּיוֹסֵף הֲוֵו אַחוֹי וַדַּאי, וַהֲוָה לֵיהּ לְרַחֲמָא עֲלַיְיהוּ, אֲבָל מַה דְּעָבִיד דָּא יַתִּיר הוּא מִיּוֹסֵף, יָאוֹת הוּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יַרְחִישׁ לֵיהּ נִיסָּא עַל נִיסָּא.

## חָזִיתָ אִישׁ

**בָּכָה רַבִּי אַבָּא וְאָמַר** הָאט רֶבִּי אַבָּא זִיךְ צוּאוַויינְט אוּן גֶעזָאגְט: **יַתִּיר עוֹבָדוֹי דְּדֵין מִיּוֹסֵף** דֶער אִיד זֶעט מִיר אוֹיס גְרֶעסֶער פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, **דְּיוֹסֵף הֲווּ אַחוֹי וַדַּאי** וַוייל בַּיי יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען דִי וָואס הָאבְּן אִים שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן - זַיינֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער, **וְהֲוָה לֵיהּ לְרַחֲמָא עֲלוֹי** אוּן בַּיי אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער קוּמְט מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, **אֲבָל מַה דְּעָבִיד דָּא** אָבֶער דָאס וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן - **יַתִּיר הוּא מִיּוֹסֵף** אִיז נָאךְ מֶער גוּט ווִי יוֹסֵף, וַוייל דֶער אִיד טוּט דָאס מִיט פְרֶעמְדֶע וָואס טוּעֶן אִים שְׁלֶעכְט, **יָאוֹת הוּא** אִיז עֶר וֶוערְד **דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער **יַרְחִישׁ לֵיהּ נִיסָּא עַל נִיסָּא** זָאל מִיט אִים מַאכְן אֵיין נֵס נָאכְן צְוֵוייטְן נֵס.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם? דוּרְךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אוּן אַלֶעס אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיף דִי וֶועלְט, נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע זַאךְ - נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וָואס אַ בַּעַל בְּחִירָה טוּט קֶען אוֹיךְ נִישְׁט פַּאסִירְן נָאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַזוֹי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְגֶעבְּן, מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן מֶען הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסְן סוֹד, ווִי דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, זֵיי זוּכְן שָׁלוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט אִין הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דִי וָואס טוּעֶן זֵיי שְׁלֶעכְטְס - זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ מוֹחֵל אוּן זוּכְן צוּ טוּן מִיט זֵיי גוּטְס.**